די שטאָט מיט דעם שטעקן, צוועלף טויזנט סטאַ־
דיען; איר לענג און ברייט און הויך זענען גלייך.
17 און האָט געמאָסטן איר מויער, הונדערט און
פיר און פערציק איילן, ווי די מאָס פון אַ מענטשן,
18 דאָס הייסט פון אַ מלאך. און דער בוי פון איר מויער
איז יאַספּיס; און די שטאָט איז פון לויטער גאָלד,
19 ענלעך צו לויטער גלאָז. די פונדאַמענטן פון דער
מויער פון דער שטאָט זענען באַצירט מיט כלערליי
טייערע שטיינער. דער ערשטער פונדאַמענט, אַ
יאַספּיס; דער צווייטער, אַ סאַפּיר; דער דריטער,
20 אַ כאַלצעדאָן; דער פערטער, אַ סמאַראַגד; דער
פיפטער, אַ סאַרדאָניקס; דער זעקסטער, אַ רובין;
דער זיבעטער, אַ כריזאָליט; דער אַכטער, אַ בעריל;
דער ניינטער, אַ טאָפּאַז; דער צענטער, אַ כריזאָ־
פּראַס; דער עלפטער, אַ היאַצינט; דער צוועלפ־
21 טער, אַן אַמעטיסט. און די צוועלף טויערן
זענען צוועלף פערל, איטלעכעס איינע טויער איז
געווען פון איין פערל; און די גאַס פון דער שטאָט
22 לויטער גאָלד, ווי דורכזיכטיק גלאָז. און קיין
היכל האָב איך אין איר נישט געזען; וואָרום דער
האַר ג־ט, כביכול, און דאָס לעמעלע זענען איר
23 היכל. און די שטאָט דאַרף נישט האָבן די זון, נישט
די לבנה, זי צו באַלויכטן; וואָרום דער כבוד פון
ג־ט האָט געשיינט איבער איר, און דאָס לעמעלע
24 איז איר ליכט. (ישעיהו ס, יט.) און די פעלקער וועלן
וואַנדלען אין איר ליכט; און די מלכים פון דער ערד
25 ברענגען זייער הערלעכקייט צו איר. און אירע
טויערן וועלן נישט פאַרשלאָסן ווערן בייטאָג; וואָרום
26 עס וועט דאָרטן נישט זיין קיין נאַכט; און מען
וועט ברענגען צו איר דעם כבוד און די פּראַכט
27 פון די פעלקער; און עס וועט בשום אופן אין